בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
תזריע מצורע

ה' אייר שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 19
(34)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןאִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוּב וְעַכְבּוּשׁ [חֵלֶק ה].

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יוֹא אַזוֹי פִיל צַייט דרוֹיף פַארְבְּרַאכְט. וֶועט עֶר נָאךְ וַוארְטִין בִּיז דֶעם טָאג אוּן דֶעם חוֹדֶשׁ. (וָואס דֶער חָכָם הָאט אִים גִיזָאגְט) סֶע גִיקוּמֶען דֶער טָאג. הָאט אִים דֶער חָכָם אַזוֹי גִיטָאן אוּן הָאט אִים גִירֵייכֶערְט מִיט דֶער קְטוֹרֶת הָאט דֶער מֶלֶךְ אָן גִיהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן. אֲפִילוּ וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ נָאךְ גִיטָאן אֵיי דֶער אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין. דֶעמוּלְט אַז דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ גִיוֶוען בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן (כְּלוֹמֶר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט) הָאט עֶר גִיזֶעהְן ווִי מְהָאט זַיין נְשָׁמָה גִיפִירְט דוּרְךְ אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן מְהָאט אוֹיס גִירוּפְן וֶוער סֶע הָאט עֶפֶּעס מְלַמֵּד חוֹב צוּ זַיין (כְּלוֹמֶר צוּ רֵיידִין שְׁלֶעכְץ) אוֹיף דֶער נְשָׁמָה. זָאל עֶר קוּמֶען הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִיט גִיפוּנֶען וָואס עֶר זָאל מְלַמֵּד חוֹב זַיין.

דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער אָן גִיקוּמֶען. אוּן אִיז גִילָאפִין אוּן הָאט גִישְׁרִיגְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. הֶער צוּ מַיין גִיבֶּעט. אַז דֶער וֶועט קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּ טָאן. אוּן נָאךְ וָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁפִין. אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער ס"מ (כְּלוֹמֶר דֶער וָואס הָאט דָאס גִישְׁרִיגְן דָאס אִיז דֶער ס"מ אַלֵיין גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישְׁרִיגְן אַז דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין. הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט צוּ טָאן)

וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אִיז נָאר אַרָאפּ וַוארְפְן מֶענְטְשְׁן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ פַאר יֶעדְן אִיד עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיסְרַייסְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן שְׁוֶועריַקייטְן אִין לֶעבְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַארְוָואס הָאט מֶען מִיר בַּאשַׁאפְן?!"

הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. דִי נְשָׁמָה. מוּז אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דוּ גִיבּ דִיר אֵיין עֵצָה. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט דָאס
<<<

## חִינוּךְ ווִינְקֶל

גענומען פונעם קונטרס "אידישקייט איז שיין"

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוְון וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ז, ז): "שֶׁאֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא הַמְּחֻזָּקִין", דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק דַארְפְן דִי וָואס גֶעבְן חִיזּוּק פַאר אַנְדֶערֶע; מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל רוֹב מָאל וֶוען מֶען אַרְבֶּעט מִיט מֶענְטְשְׁן זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי תוֹצָאוֹת דֶערְפוּן, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז סְתַם אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן צַייט, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: 'וֶוען מֶען רֶעדְט, פּוֹעֶלְ'ט מֶען'. מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי תוֹצָאוֹת פוּן דִי הָארָאוַואנְיֶע, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אִין דִי קִינְדֶער דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן דִי שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דָאס וֶועט טוֹישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ.

### אַ פָּאלִיצֵיי אָפִיצִיר

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ בָּחוּר אוֹיפְ'ן גַאס, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא אִין אַ הֵיימִישֶׁע חֵדֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פָּאלִיצֵיי אָפִיצִיר; עֶר גֵייט נָאךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע קַאפְּל אוֹיפְ'ן קָאפּ, זָאגְט עֶר מִיר: "פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעדֶענְקְט אִיךְ גָארְנִישְׁט, חוּץ פוּן אֵיין מְלַמֵּד וָואס פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בַּאגְלֵייט מִיר אוּן דָאס מַאכְט מִיר לֵייגְן תְּפִילִין אוּן הִיטְן שַׁבָּת, מֶער פוּן דֶעם גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט".

גִישְׁרִיגְן).

הָאט מֶען וַוייטֶער דִי נְשָׁמָה גִיפִירְט דוּרְךְ עוֹלָמוֹת (כְּלוֹמַר וֶועלְטִין) בִּיז מְ'הָאט דִי נְשָׁמָה שׁוֹין גִיבְּרַאכְט צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה כְּדֵי מְזָאל זִי שׁוֹין בַּאשְׁוֶוערְין. כְּדֵי זִי זָאל שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען (דְהַיְינוּ דֶער ס"מ וָואס הָאט פְּרִיר גִישְׁרִיגְן אִיז עֶר נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען) הָאט מֶען נָאךְ אִים גִישִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ. אִיז עֶר גִיקוּמֶען. אוּן הָאט מִיט זִיךְ גִיבְּרַאכְט אֵיין אַלְטִיטְשְׁקִין אֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגִינֶעם. וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיקָאנְט מִיט אִים פוּן לַאנְג (דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל דָבָר הָאט זִיךְ מִיט דֶעם אַלְטְן גִיקָאנְט פוּן לַאנְג) אוּן עֶר הָאט גִילַאכְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. דִי נְשָׁמָה מֶעג שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן): "וָואס אִיז זֵייעֶר עֵצָה וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? 'לַאכְן' - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי סְפָרִים". אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן קלג): "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גִיוַואלְד, דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת אוּן דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס. מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן הֶערְט שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן אוּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶער - גִיוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס!" וֶוען דֶער פְרִישֶׁער מְקוֹרָב טְרֶעפְט אָן אַ לֵץ אוּן דֶער לֵץ פְרֶעגְט אִים: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" אוּן דֶער מְקוֹרָב עֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקֶל וואוּ עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְן וְכוּ' וְכוּ', מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הַאנְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל אוּן דֶער פְרִישֶׁער מְקוֹרָב טְרַאכְט שׁוֹין וְכוּ'... אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גִיוַואלְד"; אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרַייעֶן: "גִיוַואלְד, גִיוַואלְד".

## אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא 'אַלְטִיטְשְׁקֶעס'

אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא 'אַלְטִיטְשְׁקֶעס' וָואס לַאכְן אָפּ אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי וַוייל זֵיי קֶענֶען אָפְּשְׁוַואכְן דֶעם

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי זָאג עֶס פַאר דַיין מְלַמֵּד", דֶער מְלַמֵּד זָאל ווִיסְן וָואס אִיז ווִיכְטִיג וָואס בְּלַייבְּט יָארְן שְׁפֶּעטֶער פוּן זַיין אַרְבֶּעט.

דֶער מְלַמֵּד וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים ווייסְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶר קֶען נִישְׁט חָלוֹמ'ען וָואס וֶועט גֶעשֶׁען מִיט דִי וואוּנְדֶערְבָּארֶע וֶוערְטֶער, פַאר וֶועם עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס, אִין וֶועמֶענְ'ס קָאפּ וֶועט דָאס אַרַיינְגֵיין, עֶר ווייסְט נִישְׁט וֶוער פוּן דִי קִינְדֶער הֶערְט אוֹיס, וֶוער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, וֶועמֶען אִינְטֶערֶעסִירְט עֶס יָא, וֶועם אִינְטֶערֶעסִירְט עֶס נִישְׁט, דֶער מְלַמֵּד וָואלְט אִין ווִיסְטְן חָלוֹם נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, 'אֵיין טָאג וֶועט אַ בָּחוּר אַפְּלַאזְן אִידִישְׁקֵייט אוּן וֶוערְן אַ פָּאלִיצֵיי אָפִיצִיר אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִין חֵדֶר - דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוּן אִים מַאכְן עֶר זָאל בְּלַייבְּן אַ אִיד'.

### אַלֶע קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער וַוייל מֶען זֶעט נִישְׁט וואוּ דִי אַרְבֶּעט גֵייט, מֶען זֶעט נִישְׁט 'וָואס פַּאסִירְט מִיט מַיינֶע כֹּחוֹת', 'וָואס גֶעשֶׁעט מִיט מַיינֶע שִׁיעוּרִים?' 'וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע דְרָשׁוֹת?' מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיךְ; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר'ן לֶערֶערִין אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע מֵיידֶל אַז זִי אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֵיידֶל, זִי הֶערְט אוֹיס אוּן אוֹיף אַ צְווֵייטֶע מֵיידֶל אַז יֶענֶע הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, בֵּיידֶע הֶערְן אוֹיס; יֶעדֶע גוּט ווָארְט וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד, יֶעדֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֱמוּנָה, פוּן מִדּוֹת, פוּן צְנִיעוּת, פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, פוּן נִישְׁט ווִיי טוּן אַ צְווֵייטְן, פוּן זַיין צוּפְרִידְן, הֶערְן אַלֶע אוֹיס; יֶעדֶעס מֵיידֶל וָואס זִיצְט אִין קְלַאס הֶערְט אוֹיס, נָאר עֶס זֶענֶען דָא וָואס טוּישְׁן זִיךְ גְלַייךְ אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס כַאפְּן עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; אַסַאךְ מָאל מֵיינְט אַ מַאמֶע: 'אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן דֶער קִינְד הֶערְט נִישְׁט', דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, דָאס קִינְד הֶערְט יֶעדֶעס ווָארְט וָואס מֶען רֶעדְט; אַ קִינְד הֶערְט אֲפִילוּ וֶוען זִי קֶען נָאכְנִישְׁט רֶעדְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַאמֶעס פוּן תַּנָּאִים וָואס הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר קְלֵיין קִינְד מִיט'ן ווִיג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז דָאס קִינְד זָאל הֶערְן ווִי מֶען לֶערְנְט, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען (יְרוּשַׁלְמִי יְבָמוֹת א, ו) דִי מַאמֶע פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָ' פְלֶעגְט אִים טְרָאגְן אִין שׁוּל וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעלֶעגְן אִינֶעם ווִיגֶל עֶר זָאל הֶערְן ווִי מֶען לֶערְנְט; מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין, וָואס קֶען שׁוֹין אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵיין? דָאס קִינְד קֶען דֶען הֶערְן? דֶער קִינְד אִיז דָאךְ קְלֵיין, נָאר פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַ קִינְד הֶערְט יֶעדֶעס ווָארְט וָואס מֶען רֶעדְט, דָאס קִינְד קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, דָאךְ הֶערְן זֵיי אַלֶעס, אוּן אוּדַאי 'עֶרְוַואקְסֶענֶע' קִינְדֶער וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, הֶערְן זֵיי אַלֶעס אוּן עֶס וֶועט זֵיי הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַארְלִירְן אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן פוּן רֶבִּי'ן.

מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן לֵיצָנוּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פֵייעֶר, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, קפה.): "מִכָּאן אָמְרוּ יַפִּיל בַּר נָשׁ גַּרְמֵיהּ לְאֶשָּׁא אוֹ לְגוּבָּא דִּנְחָשִׁין וְעַקְרַבִּין, וְלָא יִתְמְסַר בִּידָא דְּשַׂנְאוֹי", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיינְוַוארְפְן אִין פֵייעֶר אָדֶער אִין אַ גְרוּב פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיוֹת וִוי אֵיידֶער אִין דִי הֶענְט פוּן אַ רָשָׁע וָואס ווִיל אִים שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אוֹיךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז נִישְׁט אַלֶץ זֶענֶען דִי לֵצִים אִינְדְרוֹיסְן אַמָאל קֶען זַיין אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן דִי לֵצִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִינֶעוֵוייניג נֶעבְּן דֶעם צַדִיק. בַּיי מוֹהֲרַ"ש אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי גַאנְצֶע חֲסִידִי'ישֶׁע לְבוּשׁ, אִינְדֶערְוָואכְן מִיט שְׁוַוארְצֶע זָאקְן אוּן שַׁבָּת מִיט ווַייסֶע זָאקְן, מִיט אַ לַאנְגֶע בָּארְד וְכוּ', עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי דִי נָאנְטֶע תַּלְמִידִים... אִיז עֶר אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווֵייס קְלָאר אַז מוֹהֲרַ"שׁ לֵיינְט אַלֶע פְרֵייעֶ צַייטוּנְגֶען... מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אִינְטֶערְנֶעט..." מִיר הָאט נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס עֶר זָאגְן בִּכְלַל, אִיךְ זֶע ווִי מוֹהֲרַ"שׁ בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי מֶעג אִיךְ אִים אוֹיסְצוּהֶערְן?! שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעווָאוִויר גֶעוָוארְן פוּן אֵיינֶע פוּן דִי מַפִּיצִים וָואוּ מֶען טְרֶעפְט אִים לֵיידֶער, מֶען טְרֶעפְט אִים בַּיי פְּלֶעצֶער פוּן עֲבֵירוֹת, בַּיי שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ! אוּן 'עֶר' וֶועט מִיר זָאגְן זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען אוֹיפְ'ן צַדִיק...?!

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס לֵצִים רֶעדְן, אַז דוּ הֶערְסְט אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים - גֵיי אַוֶועק פוּן אִים, הֶער זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס עֶר פַּארְקוֹיפְט, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְרֵייסְן דַיין גַאנְצֶע חַיוּת וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, רַחֲמָנָא לִצְלָן. נָאר, ווִילַאנְג עֶס אִיז דִי עֶלְטֶערְן, טַאטֶע מַאמֶע וָואס ווֵייסְן נִישְׁט וָואס 'בְּרֶסְלֶב' אִיז, זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט 'לָשׁוֹן הָרָע' אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן זֵיי רֶעדְן צוּ דִיר קֶעגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי, מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק, אָבֶּער אַז עֶס אִיז סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, קֶעגְן צַדִיקִים, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער לֵץ אִיז דַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער, בַּיי דֶעם דַארְפְסְטוּ אִים נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין, אֱמֶת אַז עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כ, יא): 'כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (כְּתוּבּוֹת קג.): "לְרַבּוֹת אֶת אָחִיךָ הַגָּדוֹל", אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער, מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט וֶוען עֶר אִיז אַ לֵץ אוּן רֶעדְט קֶעגְן צַדִיקִים.

## דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַ נַייעֶ טַייטְשׁ אִין דִי ווֶערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גִיוַואלְד, דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת אוּן דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס. לֵיידֶער הָאבְּן מִיר הַיינְט אַ צָרָה, דָאס אִיז דֶער טֶעלֶעפָאוֹן, וָואס מֶען קֶען דָארְט זֶען אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַלֶעס אִיז דָארְט אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט אֵיין ווִישׁ מִיט דִי הַאנְט אוֹיפְ'ן סְקְרִין קֶען מֶען אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מֶען דַאוֶונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן מֶען כַאפְּט אַרַיין מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען ווֶערְט אֵיינְס מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער "דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס", אַז מֶען ווֶערְט פַארְקוֹיפְט פַארְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן, מֶען הַאלְט דָאס אִין אֵיין ווִישְׁן מִיט דִי הֶענְט, פַאלְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מַיין טֶעלֶעפָאוֹן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּשֵׁיידְן דֶערְפוּן, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ ווֵייס אַז דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן", מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע לֶעבְּן.

הָאט מֶען גִילָאזְט דִי נְשָׁמָה אִיז זִי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ) וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן מִתְּחִילָה וְעַד סוֹף. אוּן וִוי עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ. אוּן דִי מִלְחָמוֹת וָואס עֶר

הָאט גִיהַאט וְכוּ׳.

אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען שְׁבוּיִם אוּן צְוִוישְׁן דִי שְׁבוּיִם אִיז גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר. וָואס זִי הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן פוּן דֶער וֶועלְט. נָאר דֶער חֵן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אִיר אַלֵיין. נָאר סֶע הָאט אוֹיף אִיר גִיהָאנְגֶען אַ דוּמִיט. אוּן דֶער דוּמִיט הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן. אוּן מֵחֲמַת דֶעם הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז זִי הָאט אַלִירְלֵיי חֵן. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג קָאנֶען מֶער נִיט קוּמֶען. נָאר חֲכָמִים אוּן עֲשִׁירִים וְכוּ׳. (אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט) אוּן סֶע נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ דְרִינֶען. (דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט מִיט דִי שְׁבוּיִם דָאס אִיז נִיט אוֹיף גִישְׁרִיבְּן גִיוָוארִין גוּט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט עֶם דֶערְצֵיילְט).

מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ וְכוּ׳. מָה רַבּוּ צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. וְאַתָּה ה׳ מָגֵן בַּעֲדִי כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי וְכוּ׳. פַּאר טַייטְשׁ גוּט דָאס גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט. וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דָארְט אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

מִיר שְׁטֵייעֶן הַיינְט אִין זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, עֶס אִיז ׳שׁוּשַׁן פּוּרִים׳. פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן שָׁלוֹם, אַ צַייט וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע, נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע פּוּרִים מִיט מַחֲלֹקֶת ׳וואו מֶען זָאל גֵיין עֶסְן דִי סְעוּדָה׳ וְכַדּוֹמֶה, אַז דַיין ווייבּ וויל עֶסְן בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער אַז דַיין טַאטֶע רוּפְט דִיךְ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ אִים עֶסְן דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים, מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת דֶערְפוּן, פּוּרִים אִיז נִישְׁט אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין עֶסְן דִי סְעוּדָה וואו מֶען רוּפְט דִיר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ה): ״וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה הוּא בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ד, ח): נָתַתָּה שִׂמְחָה בְלִבִּי״, שִׂמְחָה מֵיינְט אַז דָאס הַארְץ אִיז פְרֵיילִיךְ, ׳שִׂמְחַת פּוּרִים׳ אִיז נִישְׁט דָאס - וָואס גְעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען - אָפְּשְׁטֶעלְן גַאסְן, זִיךְ שְׁטֶעכְן מִיט מֶעסֶערְס, צֶעבְּרֶעכְן חֲפָצִים וְכַדּוֹמֶה, ׳שִׂמְחַת פּוּרִים׳ מֵיינְט, זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעווייניג אִין הַארְץ, מֶען הָאט מֶער קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן.

גִלּוּי שְׁכִינָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: ווער עֶס וֶועט שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פֶערְצִיג טֶעג בְּעֶפְּאר פּוּרִים: ״הַצִּילֵנִי מִקְּלִפַּת הָמָן וַעֲמָלֵק וְזַכֵּנִי לִקְדֻשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר״, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן בִּשְׁעַת׳ן לֵיינֶען דִי מְגִלָּה דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר. שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים דֶערְצֵיילְט עֶר פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ ׳גִלּוּי שְׁכִינָה׳, עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. אִין דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז ׳גִלּוּי אֵלִיָּהוּ׳ אִיז אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ צוּ זֵיי, אָבֶּער מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, ׳גִלּוּי שְׁכִינָה׳, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זָאל זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּם מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט ׳אֱמוּנַת חֲכָמִים׳, מֶען לֶעבְּט מִיט׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע זְמַנִּים, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעזֶען פַארְיָאר אַזַא צַייט, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטוּרֶעמִישֶׁע טֶעג, אִין אָנְהֵייבּ פוּן דִי מַגֵּפָה, דִי קָארָאנֶע ווַיירוּס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זֶענֶען אַלֶע מוֹסְדוֹת גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר זָאלְן ווַייטֶער קֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. הַיינְט זָאגְן אַלֶע אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ׳ אָבֶּער לָאמִיר צוּרִיק מִישְׁן דֶעם בְּלֶעטְל וֶועט מֶען זֶען וֶוער אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אוּן וֶוער נִישְׁט, דָאס אַלֶעס אִיז בִּזְכוּת דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל אוּן כֹּחַ וִוי אַזוֹי דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט׳ן רֶבִּי׳ן אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.